Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פּרײַז 15 גראָשען | הײַנט 10 זײַטען

# לאָדזשער פֿאָלקסבלאַט

№ 133 | Łódź, Sroda, 8 czerwca 1932 r. | צענטער יאַהרגאַנג | לאָדז, מיטוואָך, ד׳ סיון תרצ״ב | № 133

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פֿון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

# העריאָ׳ס רעגירונג בעקומען צוטרוי

## מיט א מעהרהײַט פֿון 390 שטימען געגען 152

פּאַריז, 7 (ספּ. טעל.) אויף דער נעכטיגער פּייערליכער זיצונג אין פּאַרלאַמענט האָט דער נייער פּרעמיער העריאָ געלייענט אַ דעקלאַראַציע פֿון דער נייער רעגירונג.

זיין רעדע איז אָפּט איבערגעריסען געוואָרען דורך שטורמישע אַפּלאָדיסמענטען.

צ. אַנד. האָט ער געזאָגט וועגען די שלום־טענדענצען פֿון פֿראַנקרייך, און, אַז.... פֿראַנקרייך וועט בישט דערלויבען צו קוועסטיאָנירען איהרע רעכט אויף די מלחמה־ענטשעדיגונגען.

לסוף האָט די רעגירונג פֿון העריאָן געקריגען אַ צוטרוי־וואָטום מיט 390 שטימען געגען 152 שטימען.

## פּאָליטישע ארעסטען איז פּשעמישל

פּשעמישל, 7 (טעלעפֿאָניש) הייגט בייטאָג האָבען זיך פֿאַר דער סטאַראָסטיוע פֿערזאַמעלט אַנ׳ערך 200 אַרבייטסלאָזע, וועלכע האָבען אַרויסגעשיקט אַ דעלעגאַציע צום סטאַראָסטווע, כדי צו אינטערווענירען וועגען אַרבייט.

בעת דער קאָנפֿערענץ צווישען דעם סטאַראָסטע און דעם בורמיסטש, האָט פּאָליציי אַרעסטירט 12 פּערזאָן, וועלכע זאָלען האָבען געטיילט צווישען די אַרבייטסלאָזע אַנטי־מלוכה׳שע אויפֿרופֿען.

## פֿערעפֿענטליכט דאס געזעץ וועגען פֿערזאַמלונגען

וואַרשא, 7 (טעלעפֿאָניש פֿון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אין היינטיגען „דזשענניק אוסטאַוו" איז פֿערעפֿענטליכט דאָס געזעץ וועגען פֿערזאַמלונגען, פֿון 11. מערץ 1932.

גלייכצייטיג איז פֿערעפֿענטליכט די פֿעראָרדענונג פֿון קריגס־מיניסטעריום, אין הסכם מיט׳ן אינערן־מיניסטעריום, וועגען צוזאַמענרופֿען, פֿיהרען דעם פֿאָרזיץ און בעטייליגען זיך פֿון מיליטער־לייט אין פֿערזאַמלונגען.

# ארעסטירט דעם מערדער

## וואס האט געבראכט אין דער פראנצויזישער אמבאסאדע אין בערלין א פעקעל מיט צוויי פרויען־הענד

בערלין, 7 (ספּ. טעל.) דער מערדער פֿון זיין מוטער, שפּעע, וועלכער האָט איבערגעגעבען אין דער פֿראַנצויזישער אַמבאַסאַדע אַ פּעקעל, אין וועלכען עס זענען געווען איינגעפּאַקט זיין מוטערס אָפּגעשניטענע הענד, איז אַרעסטירט געוואָרען ביי אַ געוויסען אַדוואָקאַט, צו וועלכען ער איז געקומען מיט אַ וויזיט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז שפּעע איז אַ משוגענער.

## ערשטע אויפֿנאַהמע פֿון דער נייער פֿראַנצויזישער רעגירונג



רער 4 טער פֿון לינקס (1־טע רייהע) פּרעמיער העריאָ

## וויצע־האנדעלס־מיניסטער צוריקגעקומען קיין ווארשא

וואַרשא, 7 (טעלעפֿאָניש פֿון אונזער קאָרעספּאָנדענט) הייגט איז צוריקגעקומען פֿון גענף דער וויצע־מיניסטער פֿאַר האַנדעל און אינדוסטריע, ה׳ דאָלעזשאַל, וועלכער האָט זיך בעטייליגט אין דער זיצונג פֿון עקאָנאָמישען קאָמיטעט ביי דעם פֿעלקער־בונד.

## א בּיודזשעט־סך־הכל

וואַרשא, 7 (טעלעפֿאָניש פֿון אונזער קאָרעספּאָנדענט) די פּראָוויזאָרישע רשימה פֿון בודזשעט־הכנסות און הוצאות פֿאַר מאַי ה. י. בעווייזט אויף דער זייט פֿון הכנסות 175,3 מיליאָן זל. און אויף דער זייט פֿון הוצאות 189,9 מיליאָן זל. ד. ה., אַז די נישט־דערצויגענע סומע בעטרעפֿט 14,6 מיליאָן זלאָטעס.

## רומענישער געזאנדטער בילציורעסקו ארויסגעפאהרען פון ווארשא

וואַרשא, 7 (טעלעפֿאָניש) דער רומענישער געזאַנדטער בילציורעסקו איז היינט 3 אַ זייגער צוזאַמען מיט זיין פֿרוי אַוועקגעפֿאָהרען פֿון וואַרשא קיין בוקאַרעשט, פֿערלאָזענדיג פּוילען אויף שטענדיג.

מזל־טוב ווינשען מיר אונזער פֿריינד
שמואל גענעכאוויטש
און פֿרוי
צו דער חתונה פֿון זייער ליבע טאָכטער
גאָלדע מיט ה׳ טובי׳ קוראַפּאַטווא
און דעם יונגען פּאָר אַ גליקליכע צוקונפֿט
אלי׳ מרדכי סאָוויצקי און פֿרוי
שלמה גאָלדבערג און פֿאַמיליע

„גוטן־לחם" סאַלאָנא —14— מוצש"ק דעם צווייטען טאָג שבועות „לונא־פּאַרק" שענקעוויטש —12—
יידען! אייער חוב איז צו שטיצען די איינציגע יודישע קוך פֿאַר אַרבייטסלאָזע און פּרנסהלאָזע יידען!
קומט מאַסענווייז אויף דער פֿערווייליגג. וועלכע קומט פֿאַר מוצאי־שבת אין לונא־פּאַרק
טענץ אַ גאַנצע נאַכט. איינגאַנג 50 גר. טענץ אַ גאַנצע נאַכט.

ZASTRZYKI, opatrunki, dyżury
LIZA NAMIOTÓWNA
Dyplomowana
Higienistka-Pielęgniarka
ALEJA I MAJA, front, I piętro. Tel. 145-02.

רעשטען
לאָדז, נאַוואָמיעסקא 5
פֿראָנט, 2־טער שטאָק
פֿערשידענע קאַמגאַרנס,
ביליצער, טאַמאַשאָווער און לאָדזער
אויף אַנציגער און פּאַלטענס
ווי אויך די מאָדערנסטע דאַמען־
שטאָפֿען אויף פּאַלטענס און קאָסטיומען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערצייגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
געדענקט נאָר
אין פֿראָנט, II שטאָק

מזל־טוב די משפּחות פֿון דיר.
דוד צעלמייסטער
— און פֿון מוזיקער, ה׳ רובין
צו דער חתונה פֿון זייערע קינדער,
ווינשען פּ. בראָדערזאָן.
י. אבעזשאַנעק.

אויפֿפאָדערונג!
דערמיט פֿאָדער איך אויף ה׳ א. וואָלמאַן, קאָנפֿעקציע־געשעפֿט, לאָדז, נאָוואָמיעסקא 22, ער זאָל מיר אין פֿערלויף פֿון 3 טאָג בעצאָהלען דעם חוב פֿון 906 זל. פֿאַר געליפֿערטע סחורה אין חודש מערץ און אַפּריל ד. י., פֿון וועלכע ער וויל זיך אַרויסדרעהען, זוכענדיג פֿערשידענע תירוצים און נישט ריכטיגע טענות, ווי אויך ערקלערענדיג, אַז ווייל מען גיט איהם נישט קיין פֿרישע סחורה, וועט ער נישט בעצאָהלען דעם אַלטען חוב, אין געגענפֿאַל וועט די קאָנסעקווענצען טראָגען ה׳ וואָלמאַן.
W. BENER, Łódź, Piotrkowska 60.
3617

טעאַטער „מאַמוס" זגערזשער 17
א גוטע בשורה פֿאַר׳ן גאַנצען עולם!
דער אַמעריקאַנער סטאַר, דער שטאָלץ
פֿון דער יודישער בּיהנע
בעני אדלער
צוזאַמען מיט אַנ׳ערשטקלאַסיגען אַנסאַמבל קומט אויף
5 פֿאָרשטעלונגען
אין טעאַטער „מאַמוס", וועלכע הויבען זיך אָן פֿון פֿרייטאָג,
דעם ערשטען טאָג שבועות.
פּרטים אין די מאָרגענדיגע אַנאָנסען. אָנפֿ.: ישראל ביאַלקאָוויטש.

א טיכטיגע
אינקאסענטקע
פֿאַר אַ גרעסערער געזעלשאַפֿטליכער אינסטיטוציע
ווערט געזוכט
אָפֿערטען פֿאַר א. א. אָבצוגעבען אין אַדמיניסטר.

פֿאַר גאָלד,
בּיזשוטעריע און
לאָמבאַרד־קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פּרייזן
איזידאָר פּיאַלקא
פּיעטריקאָווער 7. 3620

